בס״ד

# תורת אביגדור

## פרשת פנחס




משיעורי ליל שישי של הגה״צ רבי אביגדור מיללער זצ״ל

## משה רבינו זעט השי״ת אין דער בריאה

**מיר** לערנען אין דער פרשה די וואך, אז השי״ת האט געזאגט צו משה רבינו ״עלה אל הר העברים הזה וראה את הארץ אשר נתתי לבני ישראל״. דאס איז געווען אן ענטפער אויף משה רבינו׳ס געבעט צו השי״ת ״אעברה נא ואראה את הארץ״, כ׳וויל אריינגיין אין ארץ ישראל און זען דאס הייליגע לאנד. משה רבינו האט געוואלט זען ארץ ישראל, ווייל ער האט געוואוסט ווי אזוי אויסצוניצן דעם נאטירליכן נייגער וואס השי״ת האט אריינגעלייגט אין א בשר ודם צו קוקן און זען; ער האט געוואוסט אז דער תכלית פונעם מענטשנ׳ס לעבן איז צו קוקן און זען אין אלעם דאס מציאות פון השי״ת.

### משה רבינו באטראכט דעם וואונדער פון רעגן

**משה** רבינו האט געקוקט אויף דער נאטור און געזען אומעטום די נפלאות הבורא. ער האט ארויפגעקוקט אויפ׳ן הימל און געזען די וואלקענס, און ער האט געזען דארט השי״ת: ״המכסה שמים בעבים המכין לארץ מטר״, השי״ת פארדעקט דעם הימל מיט וואלקענס, ער גרייט אן פאר דער ערד רעגן. דער פראצעס ווי אזוי עס ווערט רעגן איז זייער א קאָמפּליצירטער. עס פאדערט זיך דערפאר די הילף פונעם גרויסן קוואל פון ענערגיע, וואס געפינט זיך 93 מייל אוועק פון דא - די זון! די ארבעט גייט אן נאכאנאנד, פיר און צוואנציג שעה א טאג. די זון טוט אויסדאמפן דאס וואסער פונעם ים, און די זעלבע וואונדערליכע סיסטעם דינט אויך ווי אן אויסרייניגונגס-פאבריק. עס קלארט אויס דאס וואסער און לאזט איבער דאס גאנצע זאלץ, אלע כעמיקאלן און שמוץ אינעם ים, און נאר דאס לויטער-ריינע וואסער קומט ארויף אין דער פאָרם פון דאמף (פאַרע).

און דאן געשעט א נס: דער דאמף איז לייכטער ווי די לופט! לייכטער ווי לופט?! יא, עס הייבט זיך אויף העכער דער לופט, און אזוי ווערן די וואלקענס. אויב דער דאמף וואלט געוואויגן מער, וואלט די וועלט נישט געקענט עקזיסטירן. פארוואס וועגט עס טאקע נישט מער? ווען וואסער ווערט פארוואנדלט אין אייז איז עס אוודאי שווער; פארוואס ווען דאס וואסער ווערט דאמף איז עס לייכטער ווי די לופט? דער ענטפער דערויף איז: **השי״ת וויל אז דו זאלסט אים זען אין די וואלקענס!**

דער דאמף גייט ארויף הויך, און ווען עס קומט אן גאנץ אויבן, הייבן אן בלאזן ווינטן. משה רבינו האט געזען אז די ווינטן זענען נישט קיין צופאל; ווינטן זענען גרויסע טראַנספּאָרט-מאשינען. זיי

בלאזן אריין פונעם ים צו דער יבשה, בלאזן אריין די וואלקענס איבער די קאָנטינענטן. די ווינטן טראַנספּאָרטירן ביליאנען טאָנען פון וואסער. דאס אלעס האט משה רבינו געזען און באטראכט.

## דער נס פון "גראַוויטעט"

**אבער** וואס האבן מיר דען פון די אלע וואלקענס, וואס רוקן זיך אן העכער אונזערע קעפ פון אויבן? מיר דארפן דאך האבן וואסער דא אונטן. זעען מיר דא א וואונדערבארע ערשיינונג וואס רופט זיך: **גראַוויטעט** (כח המשיכה). מיינט איר, אז איר פארשטייט דעם באגריף, נאר ווייל איר קענט ארויסזאגן דאס ווארט?! די ערד שלעפט אראפ דעם רעגן, אבער פארוואס בלייבט נישט דער רעגן דארט וואו עס איז? אין די דרויסנדיגע ספערעס ("ספעיס") איז נישטא דער כח פון גראַוויטעט. ווען די אַסטראָנאַטן שפאצירן ארויס פון זייער רוימשיף (ספעיס-שיף), פאלן זיי נישט אראפ צוזאמען מיט'ן רעגן. פארוואס, אויב אזוי, איז דא אונטן יא דא אט-דער כח פון גראַוויטעט וואס שלעפט אראפ? איר מיינט אז איר ווייסט אלעס דערוועגן, הא? איר ווייסט אבער גארנישט דערפון; דאס איז א העכסט-מיסטעריעזע רעטעניש.

און ווייל משה רבינו איז געווען נייגעריג צו וויסן און פארשטיין די בריאה פון השי"ת, האט ער געטון אלעס וואס ער האט געקענט צו דערזען דעם פלאן און ציל פון השי"ת אין דער וועלט-נאטור. איך זאג אייך דאס, נישט נאר אז איר זאלט פארשטיין ווער משה רבינו איז געווען; דאס איז אויך וויכטיג. איך זאג עס אייך אבער כדי איר זאלט האבן א ביישפיל ווי אזוי איר אליין זאלט לעבן.

## די "סנה"-התגלות פון השי"ת אין דער נאטור

**איר** געדענקט אוודאי, ווען משה רבינו האט געפאשעט די שאף פון זיין שווער, יתרו, אין דער מדבר - "וירא והנה הסנה בוער באש", האט ער א קוק געגעבן און געזען, און אט ברענט א דארן-בוים אין פייער (שמות ג, ג). עס געשעט צומאל אזא זאך, אז אין הייסן מדבר צעפלאקערט זיך פלוצלינג א פייער. משה רבינו איז אבער געווען נייגעריג צו זען אין דער נאטור - השי"ת. ער איז געווען א מבקש, האט שטענדיג געזוכט צו זען השי"ת.

און ווען משה האט געזען עפעס וואס האט ערוועקט זיין נייגער און אינטערעס, האט ער נישט דורכגעלאזט די געלעגנהייט. "אפשר קען איך זען דארט עפעס, נאך א וואונדער פון אויבערשטנ'ס בריאה, וואס איך האב נאך ביז היינט נישט געזען. אט איז א דארן-בוים וואס ברענט, און ווערט נישט פארברענט." שטייט אין פסוק, "וירא ה' כי סר לראות", און השי"ת האט געזען אז ער האט זיך אפגעקערט צו זען. משה רבינו איז געווען א מענטש וואס האט זיך אלעמאל אויסגעדרייט צו זען השי"ת. האט השי"ת געזאגט: "ער איז מיין מענטש! ער איז אינטערעסירט צו ניצן זיינע אויגן כדי מיך צו זען! אויב אזוי, וועל איך אים לאזן זען נאך מער".

און משה רבינו האט קיינמאל נישט אויפגעהערט צו וועלן זען וואס מער פון השי"ת. עס איז שוין געווען פיל יארן שפעטער, נאכ'ן חטא העגל. משה רבינו האט נאר-וואס אויסגע'פועל'ט מחילה פאר'ן עם ישראל. הקב"ה האט יעצט געוויזן אז משה רבינו האט נושא חן געווען אין זיינע אויגן, און משה האט געוואוסט אז עס איז יעצט אן עת-רצון, ער קען זיך אויסבעטן ביי השי"ת כמעט אלעס וואס ער וויל.

ווי אזוי האט משה רבינו אויסגענוצט אט-די געלעגנהייט? ער האט געזאגט צו השי״ת: ״הראני נא את כבודך - ווייז מיר דיין כבוד. כ׳בעט דיר, השי״ת, כ׳וויל זען דיין כבוד״ (שמות לג, יח). וואס האט ער געמיינט צו זאגן מיט די ווערטער ״ווייז מיר דיין כבוד״? ער איז דאך געווען מיט׳ן אויבערשטן די גאנצע צייט.

## דער באדייט פון כבוד ה׳ - טראכטן פון אויבערשטן

**״כבודך״** איז זייער א באדייטנדיג ווארט. דער רמב״ם אין ״מורה נבוכים״ ערקלערט דעם באדייט פון ״כבוד ה׳״, און אויב איר פארשטייט דעם באדייט פונעם ווארט ״כבוד״, וועט איר האבן דעם שליסל צו פארשטיין פיל פסוקים אין תנ״ך.

זאגט דער רמב״ם (מורה נבוכים א, סד), אז ״כבוד השם״ איז ווען מענטשן טראכטן פון השי״ת! דערפאר, יעדעס מאל וואס עס ווערט אנטפלעקט דאס מציאות ה׳, רופט זיך דאס ״כבודו״, ווייל דאס איז דער כבוד ה׳, ווען מענטשן זענען מער מכיר דאס מציאות ה׳. ווען עס איז דא עפעס וואס דערמאנט אייך און מאכט אייך טראכטן פון השי״ת, איז דאס א כבוד פאר השי״ת. ״השמים מספרים כבוד קל״, דער הימל, און אלעס אין דער וועלט, דערציילט דעם כבוד פון השי״ת, דורך דעם וואס עס דערמאנט אייך פון השי״ת.

ווילט איר אפגעבן כבוד פאר השי״ת? ווען איר גייט אין גאס, טראכט פון השי״ת. דאס איז א כבוד פאר׳ן אויבערשטן! און עס וועט אייך אליין אויך ברענגען חשיבות. אויב איר טראכט פון אויבערשטן בשעת איר גייט אין גאס, זענט איר שוין א פערזענליכקייט; איר זענט דער חשוב׳סטער מענטש אויף דער גאס, און מעגליך אז איר זענט אפילו דער חשוב׳סטער מענטש אין דער גאנצער געגנט. טוט עס שוין יעצט - טראכט פון אויבערשטן, גיט אים אפ כבוד.

## דער תכלית הבריאה: זען השי״ת אין דער טבע

**דאס** איז די סיבה פארוואס משה רבינו האט אויסגעקליבן פון אלע זאכן וואס ער האט געקענט בעטן פון השי״ת אין יעצטיגן עת רצון דווקא צו זען מער דעם כבוד פון השי״ת. ער האט געבעטן צו האבן מער אמונה, אין דער פאָרם פון מכיר זיין דאס מציאות פון אויבערשטן. ״ווייז מיר דיין כבוד, כדי איך זאל אנקומען נאך מער מכיר צו זיין דיין מציאות און מצליח זיין אין מיין שליחות אין לעבן״. ווייל אז איינער האט א געלעגנהייט צו בעטן עפעס פון אויבערשטן, בעט ער דאס וואס איז דאס מערסטע וויכטיג.

די גאנצע וועלט איז אנגעפילט מיט׳ן אויבערשטנ׳ס בריאה - ״מלא כל הארץ כבודו״, די וועלט איז אנגעפילט מיט׳ן כבוד ה׳. אלעס וואס איר זעט ארום זיך, די טויזנטער און הונדערטער טויזנטער זאכן וואס איר זעט, זענען דא פאר אייך מיט׳ן ציל אז איר זאלט דערזען אין זיי דעם אויבערשטן, און אזוי וועט פארגרעסערט ווערן דער כבוד ה׳.

## שערדער עפל איז נישט באשאפן געווארן נאר אז איר זאלט אים אויפעסן

**איר** מוזט פארשטיין, אז די דאזיגע זאכן וואס עקזיסטירן ארום אונז, האט הקב״ה באשאפן כדי מיר זאלן זיי באטראכטן און קונה זיין דורך זיי דעת. ווי עס שטייט אין קהלת (ג, יד): ״והאלקים עשה שיראו מלפניו״, השי״ת האט געמאכט אלעס כדי מיר זאלן מכיר זיין זיין מציאות. השי״ת האט נישט געמאכט דעם עפל בלויז אז מיר זאלן עס עסן. ער האט געמאכט

דעם עפל, אז מיר זאלן עס עסן כדי צו באקומען דורך דעם די הכרה אין איינציגן באשעפער וואס האט באשאפן אט-די וואונדערליכע פרי. ער האט נישט געמאכט די וואלקענס בלויז אז זיי זאלן אונז ברענגען וואסער. ער האט געמאכט די וואלקענס אונז צו ברענגען וואסער כדי מיר זאלן טראכטן ווער עס איז דער וואס ברענגט צו פירן אט-די וואלקענס איבער דער יבשה. ער האט אונז נישט געמאכט אויערן בלויז אז מיר זאלן הערן. די אויערן זענען אנגעהאנגען געווארן ביי די זייטן פון מענטשנ'ס קאפ כדי ער זאל טראכטן פון הקב"ה יעדעס מאל וואס ער שמועסט מיט אן אנדערן מענטש.

און אט דאס איז דער באדייט פון דעם וואס מיר זאגן יעדן פרייטאג צו-נאכטס ביי קידוש: "ויכל אלקים את כל מלאכתו אשר עשה", און השי"ת האט געענדיגט זיין גאנצע ארבעט וואס ער האט געמאכט. פארוואס דארף שטיין "וואס ער האט געמאכט"? אויב עס איז זיין ארבעט, האט ער דאך עס אוודאי געמאכט. נאר די ווערטער "אשר עשה" זענען העכסט-באדייטנדיגע ווערטער, וואס דערציילן אונז **פארוואס** השי"ת האט דאס אלעס געמאכט. השי"ת האט געענדיגט זיין גאנצע ארבעט, "וואס ער האט געמאכט" כדי מיר זאלן זען וואס ער האט געמאכט און אנערקענען **ווער** עס האט דאס אלעס געמאכט! "והאלקים עשה שיראו מלפניו" - פארוואס האט השי"ת דאס אלעס געמאכט? כדי מיר זאלן זען די ארבעט פון זיין האנט, די וואונדערליכע ערשיינונגען אין דער וועלט וואס ער האט באשאפן, און מיר זאלן דורך דעם קומען צו דער אנערקענונג, ווער עס איז דער באשעפער פון דער וועלט.

## וואס איז פשט פונעם נאמען "שבת"?

**דאס** איז אבער נישט קיין גרינגע ארבעט; השי"ת אנטפלעקט זיך נישט צו אונז אפן, און עס פאדערט זיך א יגיעה מצד דעם מענטש אנצוקומען צו אט-דער העכסט-וויכטיגער דערגרייכונג מכיר צו זיין אין מציאות ה'. און דאס איז איינע פון די גרעסטע זאכן וואס עס לערנט אונז דער נאמען "שבת". אייגנטליך איז עס א פלא: פארוואס ווערט דער טאג אנגערופן "שבת"? יעדער ווייסט דאך אז שבת איז א "זכר למעשה בראשית", אן אנדענק צו דער באשאפונג פון דער וועלט; אויב אזוי, וואלט עס דען נישט געווען מער פאסיג אנצורופן דעם טאג "בריאה" - באשאפונג, אדער אפשר "עשי'"? אויב שבת איז אן אנדענק אז השי"ת האט **געמאכט** די וועלט, איז פארוואס הייסט עס "שבת", וואס באדייט **רוען**, דאס פארקערטע פון מאכן? דאס איז זייער א גרויסע קשיא.

ווערט איר אפשר וועלן ענטפערן, אז דער באדייט איז אז השי"ת האט **געענדיגט מאכן** די וועלט, ער האט אפגעשטעלט די ארבעט פון וועלט-באשאף, און דאס דערמאנט אונז אז ער האט באשאפן די וועלט - איז דאס אבער א פשט'ל, און אויב עס וואלט אונז געגעבן געווארן די מעגליכקייט צו געבן דעם נאמען פאר'ן טאג, וואלטן מיר דאך אויסגעקליבן אווארט וואס דריקט אויס קלאר אז השי"ת האט באשאפן די וועלט. איך, למשל, וואלט אויסגעקליבן: "בראשית", אדער "בריאה".

## א בעל-חי שפראצט ארויס פון דער ערד

**און** דא קומען מיר צו צום סוד פון שבת. שבת איז געווען די גרויסע געלעגנהייט, ווען השי"ת האט אויפגעהערט אנטפלעקן זיין מציאות אין דער וועלט. אויב מיר וואלטן געווען דארט אין די ערשטע זעקס טעג פון וועלט-

באשאף, וואלטן מיר געזען ווי עס געשעען פלא׳דיגע זאכן. השי״ת האט געזאגט: ״זאל די ערד ארויסגעבן לעבעדיגע באשעפענישן״. לאמיר זיך פארשטעלן, ווי מיר שטייען דארט און זעען ווי צוויי הערנער קומען ארויס פון דער ערד, און דאן זעען מיר ווי עס קומט ארויס דער קאפ פון אן אקס. מיר וואלטן געבליבן שטיין געפלעפט. די אויגן וואלטן אונז ארויסגעשפרונגען פון די לעכער. אוודאי, אין דער היינטיגער גויאישער פארוויילונגס-וועלט וואס שטעלט-פאר כל-מיני פאנטאזירטע סצענעס, ווי אומזיניג ס׳זאל נאר נישט זיין, איז אלעס מעגליך... און אז איינער גלייבט אין די אלע הוילע נארישקייטן, פארוואס זאל ער נישט גלייבן אין נאך עפעס א ווילדן קוריאָז?... אבער פאר א מענטש מיט א קלארן קאפ, אז ער זאל זען ווי א בעל-חי שפראצט ארויס פון דער ערד, וואלט דאס געווען נסי-נסים!

אויב אדם הראשון וואלט געווען וואַך ווען השי״ת האט גענומען איינעם פון זיינע ריפּן-ביינער און באשאפן דערמיט חוה, וואלט ער געווען העכסט איבערראשט: ווי אזוי איז מעגליך ארויסצונעמען א מענטש פון איינעמ׳ס ריפּן-ביינער? ס׳איז דאך נישט צום פארשטיין אזוינס. און נישט נאר אדם און חוה - יעדער מענטש וואס ווערט געבוירן איז א נס. איר מיינט עס איז א **קליינער** נס? ס׳איז נסי-נסים וואס לאזן זיך גארנישט ערקלערן מיט קיין ווערטער! יעדע ניי-געבוירן קינד איז נאך א נס וואס ווייזט קלאר אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט; מ׳דארף זיין נישט מיט אלעמען צו זאגן אז עס איז א ״צופאל״. די כופרים בעיקר וואס לייקענען אין השי״ת זענען טאקע גערירט פון זינען!

## בלייבט וואַך - וועט איר זען נסים

**דאס** איז אבער א נס וואס געשעט יעדן טאג נאכאנאנד. יעדער לעבעדיגער מענטש איז דאך געבוירן געווארן. און דעריבער פארגעסט מען אינעם נס, ״מ׳דרימלט איין״ און מ׳באמערקט מער נישט דעם נס. ווען א נס חזר׳ט זיך איבער די גאנצע צייט נאכאמאל און נאכאמאל, הערט מען אויף לייגן אכט דערויף און עס באמערקן.

אבער ווען דאס האט פאסירט צום ערשטן מאל אינעם ערשטן מענטשנ׳ס לעבן; ווען אדם הראשון וואלט געווען וואַך און געזען ווי השי״ת האט באשאפן חוה, וואלט ער געווען גאר שטארק איבערגענומען - ״כ׳האב נאר-וואס געזען השי״ת!״ אויב אדם הראשון וואלט געלעבט ווען השי״ת האט באשאפן די וועלט, וואלט ער געזען אפן דאס התגלות פון השי״ת; דאס איז עפעס וואס מען קען נישט פארזען. אבער דאס לעבן וואלט דעמאלט נישט געהאט קיין צוועק, ווייל דער תכלית פון דער וועלט איז אז מיר זאלן פרובירן **מיט אונזער אייגענער יגיעה** צו אנטפלעקן דאס מציאות פון השי״ת, און דאס איז אונזער מעלה! אויב מיר וואלטן דאס באקומען במתנה, אז השי״ת וואלט זיך אנטפלעקט פאר אונז; אויב איר וואלט געזען אפן השי״ת די גאנצע צייט, וואלט איר דאן נישט באקומען קיין שום שכר דערויף. יעדער איינער, אפילו די גויים וואלטן אויך געזען השי״ת. עס וואלט נישט געווען קיין גרויסע דערגרייכונג.

וויבאלד, אבער, השי״ת איז ״באהאלטן״, און אלעס זעט אויס ווי א נאטירליכע סיבה און תוצאה, ווי א דרך הטבע; ווי עס וואלט אלעס געווען אזוי פשוט און זעלבסט-פארשטענדליך, איז דעריבער אונזער פליכט אויף דער וועלט פיל שווערער אויסצופירן. און דערפאר וועט אונזער שכר זיין פיל גרעסער. ״לפום צערא אגרא״. לויט ווי שווער עס קומט אן, אלץ גרעסער איז דער שכר דערויף.

## די ארבעט פון א איד: טרעפן השי"ת אין אלעם

**און** אט דאס איז דער באדייט פון דעם נאמען "שבת" - די געוואלדיגע געלעגנהייט וואס מיר האבן אנצוהייבן אונזער קאַריערע צו אנערקענען השי"ת אין דער נאטור. "שָׁבַת!" השי"ת האט אפגעשטעלט די בריאה. און פון יעצט אן - האט איר וואס צו טון. "איך גיי מיך יעצט באהאלטן," זאגט השי"ת, כביכול, "און עס איז דיין פליכט מיך צו אנטפלעקן."

און דאס איז די אויפגאבע וואס מיר האבן אין לעבן, צו זוכן דעם אויבערשטן. אויב איר קוקט ערגעץ אנדערש, אויב אייער נייגער איז געווענדעט אויף אנדערע אינטערעסן, אויסער אויף צו זוכן השי"ת, איז אוממעגליך אז איר זאלט דערפילן אייער תכלית אויף דער וועלט. אויב איר וועט נישט אנקומען צו זען דעם מציאות ה' דורך די וואונדער פון דער נאטור - "למה לך חיים", וואספארא זין האט אייער לעבן? איינער וואס לעבט אזוי, איז ערגער פון א קו. א קו טוט כאטש איר פליכט, זי גיט אונז מילך, און פלייש, און לעדער. אבער וואס טוט **איר** דא?

די וועלט איז באשאפן געווארן אז מיר זאלן זען אין איר די וואונדער פון השי"ת און אנערקענען זיין מציאות אויף דער וועלט. אויב איינער וויל, קען ער די גאנצע צייט זען דעם יד ה' און די נסי-נסים פון אויבערשטן אין אלעם. הקב"ה וויל אז מיר זאלן ניצן אונזער שכל אים צו אנטפלעקן, אז מיר זאלן קוקן און זען, און אזוי ארום פארשטארקן אין זיך די אמונה און די הכרה אינעם מציאות ה'.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין**
**און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן**
**אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 845-213-7571**
**פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




**צו באשטעלן ביי אונז**
**קונטרסים גליונות פאר:**
שבת באווארפן שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ"ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
615.680.9029
gilyonosshabbos@gmail.com

*ליינט די גליון יעדע
וואך אין די קונטרס
"גליונות לשב"ק",*



# שאלות ותשובות מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

זאל איך זאגן "תיקון חצות" אין דער יעצטיגער צייט פון יאר, אין די "דריי וואכן"?

## תשובה:

תיקון חצות איז א גוטע זאך צו זאגן, אבער נישט סתם עס אפדאוונען. כ'וואלט געזאגט, ס'איז א גוטער געדאנק סתם זיך אוועקצוזעצן אויף דער ערד פאר איר לייגט זיך שלאפן, אפילו נאר פאר איין מינוט, ווען די בני בית (אדער דער מאן) שלאפט שוין, אז זי (ער) זאל נישט מיינען אז עפעס האט חלילה פאסירט...

ווען איר זיצט אויף דער ערד, קלאגט אויפ'ן חורבן בית המקדש במשך פון איין מינוט, און דערנאך לייגט זיך שלאפן.

איין מינוט איז גענוג. און מיינט נישט דאס איז א קלייניגקייט. ווען איך בין געווען א אינגל, פלעג איך זאגן תיקון חצות. יעצט אבער טו איך בעסער - כ'זעץ מיך אוועק אויף דער ערד אויף א מאמענט און כ'טראכט וואס עס פעלט אונז, ווען מיר האבן נישט דאס בית המקדש.

איין מינוט פאר'ן חורבן בית המקדש - און דאן גיי איך שלאפן. דאס איז זייער א גוטע עצה וואס איך זאג אייך יעצט.

נדבת השבוע

נדבת השבוע פרשת פנחס

נתנדב ע"י מוה"ר יוסף לייב אלימלך ווערצבערגער שיחי'

לעי"נ חנה מלכה ב"ר הלל ע"ה

חלק מההדפסה נתנדב לע"נ רחל ב"ר יונה ע"ה

זכות הלימוד יעמוד בעד הנדבנים להתברך בכל מילי דמיטב

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות
בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"